22 ישוע המשיחן; וועלכער איז אויף ג־טס רעכטער
האַנט, נאָך דעם ווי ער איז אַרויף אין הימל אַריין;
צו אים זענען אונטערטעניק מלאכים און ממשלות
און מאַכטן.

## קאַפּיטל פיר

1 דעריבער, ווי משיח האָט געליטן אינעם לייב,
אַזוי זאָלט איר זיך אויך באַוואָפּענען מיט דער
זעלביקער מחשבה; ווייל דער, וואָס האָט געליטן
2 אינעם לייב, האָט אויפגעהערט מיט זינד; כדי נישט
מער צו לעבן לויט די תאוות פון מענטשן, נאָר
לויט ג־טס רצון די נאָך איבערגעבליבענע צייט
3 אינעם גוף. וואָרום עס איז גענוג, אַז אין דער פאַר־
גאַנגענער צייט האָבן מיר געהאַנדלט לויטן ווילן
פון די גוים, וואַנדלענדיק אין פאַרשייטקייט, תאוות,
זויפן וויין, הוליאַנקעס, שכרות, און אין פאַר־
4 ברעכערישע עבודה־זרות; אין וועלכע זיי וואונדערן
זיך, וואָס איר לויפט מער נישט צוזאַמען מיט זיי
אין דער זעלביקער אויסגעלאַסענער פרעסעריי,
5 און זיי לעסטערן; זיי וועלן אָפּגעבן אַ חשבון צו אים,
וועלכער איז גרייט צו משפטן די לעבעדיקע און
6 די טויטע. וואָרום דערפאַר איז די גוטע בשורה
אָנגעזאָגט געוואָרן אויך צו די מתים, כדי זיי זאָלן
געמשפט ווערן אינעם לייב ווי מענטשן, זאָלן אָבער
לעבן אינעם גייסט לויט ג־ט.

7 אָבער דער קץ פון אַלעם האָט זיך דער־
נענטערט; זייט דעריבער פאַרנונפטיק און ניכטערן
8 צו תפילות; קודם כל זאָלט איר האָבן אַ שטאַרקע
ליבשאַפט איינער פאַר דעם אַנדערן; ווייל ליבע
9 פאַרדעקט אַ מאַסע זינד; (משלי י, יב.) זייט גאַסט־
10 פריינטלעך איינער צום אַנדערן אָן געמורמל; דינט